# מיט א טיפערן בליק

## פרשת ויצא תשפ"ו

# ווען אלעס גייט פארקערט...

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר האלטן שוין פרשת ויצא, אין וועלכע די תורה הקדושה דערציילט אונז ווי יעקב אבינו איז אנטלאפן פון זיין ברודער עשו, ער האט געמוזט פארלאזן די שטוב פון זיינע עלטערן, וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע, און ער גייט קיין חָרָן צום פעטער לבן הארמי וואו ער גייט אויפשטעלן זיין שטוב מיט די הייליגע אמהות.

די תורה הקדושה איז מאריך און דערציילט אונז וואס איז זיך פארלאפן אויפן וועג, יעקב אבינו חלומ'ט פון א גרויסע לייטער, ער זעהט א סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ, מלאכים פונעם באשעפער וועלכע זענען געקומען איהם צו באגלייטן און היטן אין זיינע וועגן גייען ארויף און אראפ אויפן לייטער וואס דערגרייכט ביז צום הימל, וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו וַיֹּאמַר אֲנִי ה' אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ וֵאלֹקֵי יִצְחָק הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ, דער אייבישטער זאגט אים אז די ערד אויף וואס דו שלאפסט, דאס איז די לאנד וואס איך וועל געבן פאר דיך און דיינע קינדער, און השי"ת בענטשט איהם און זאגט איהם די גוטע בשורה פון וְהָיָה זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ וּפָרַצְתָּ יָמָּה וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה וגו' וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ וגו' דו וועסט זיך פאַרמערן, עס גייט ארויסקומען פון דיר א כלל ישראל וואס וועט ווערן גרויס און פארברייטערט אין אלע זייטן, און דער אייבישטער וועט דיר אפהיטן און קיינמאל נישט פארלאזן און דיר צוריקברענגען בשלום פון לבן'ס הויז, און אזוי ווייטער.

דאסמאל לאמיר ווענדן אונזער בליק אביסל ווייטער אין די פרשה. די תורה הקדושה דערציילט אונז (כ"ט א') וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו וַיֵּלֶךְ אַרְצָה בְנֵי קֶדֶם, יעקב אבינו גייט קיין ארם וואס געפונט זיך אויף מזרח זייט, אנקומענדיג אהין זעהט ער ווי עס זיצן דריי סטאַדעס מיט שאף נעבן דעם ברונעם, וויבאלד זיי האבן געווארט אז עס זאלן זיך צוזאמנעמען אלע פאסטוכער אינאיינעם כדי צו קענען אראפנעמען דעם גרויסן שטיין וואס האט באדעקט דעם ברונעם. יעקב רעדט צו די פאסטוכער און פרעגט זיי איבער זיין פעטער לבן, אזוי רעדנדיג איז רחל געקומען צו גיין מיט איר טאטעס שעפעלעך. ווען יעקב האט איר געזעהן מיט די שאף, וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב וַיָּגֶל אֶת הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר, איז ער צוגעגאנגען צום ברונעם און אראפגעקוילערט דעם שטיין און אנגעטרינקן די שעפעלעך פון זיין פעטער לבן. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו רחל, וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב לְרָחֵל וַיִּשָּׂא אֶת קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ, יעקב אבינו הייבט אויף זיין קול און וויינט.

וואס איז די געוויין פון יעקב אין יענע ספעציעלע מאמענטן? ברענגט **רש"י** צוויי טעמים. איינס, צוליב דעם וואס ער האט געזעהן מיט רוח הקודש אז רחל וועט נישט באַגראבן ווערן צוזאמען מיט איהם אין מערת המכפילה. און די צווייטע טעם איז צוליב דעם וואס ער איז געקומען צו גיין מיט ליידיגע הענט, האט יעקב געזאגט צו זיך, אליעזר דער קנעכט פון מיין זיידן אברהם איז געקומען מיט צירונגען און נאך גוטע זאכן ווען ער איז געגאנגען ברענגען מיין מאמע רבקה אלס א כלה פאר יצחק, און איך האב גארנישט, וויבאלד אליפז בן עשו האט אלעס צוגענומען פון יעקב, און דערפאר האט ער געוויינט.

ווען מ'לערנט די צוויי טעמים פון רש"י ווערט לכאורה שווער, פארוואס האט יעקב דא געדארפט וויינען אויף די ענין פון קבורה? אויב האט איהם ווי געטוהן די מציאות אז זיי וועלן נישט זוכה זיין צו קומען לקבורה אינאיינעם, האט ער דאָך געקענט וויינען דערויף פאר זיך אליין אין א ווינקל, וואו קומט אריין צו וויינען אויף אזא זאך בשעת ער טרעפט זיך צום ערשטן מאל מיט רחל? און אויף די צווייטע פשט איז שווער, ווי דער **שפתי חכמים** ברענגט פונעם **מהרש"ל**, "אֵיך צדיק כזה יבכה על חסרון ממון?" וויאזוי קען זיין אז א צדיק ווי יעקב אבינו זאל וויינען צוליב געלט.

ווען מיר זענען ממשיך ווייטער אין די פרשה דערציילט אונז די תורה הקדושה ווי לאה האט שנעל זוכה געווען צו קינדער, אבער רחל נישט. רחל זאגט פאר יעקב (ל' א') "הָבָה לִּי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי" געב מיך קינדער ווייל אויב נישט בין איך ווי א געשטארבענע מענטש, איך בין חשוב כמת. דערציילט אונז די תורה די תשובה פון יעקב אבינו, "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנֹכִי אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי בָטֶן" יעקב אבינו האט געצערנט אויף רחל, ער איז געווארן ברוגז, און ענטפערט איר "איך בין עפעס אנשטאט דעם אייבישטער וואס האט צוריקגעהאלטן קינדער פון דיר?" ווי איינער זאגט, צו דען קען איך עפעס טוהן און טוישן די טבע אז דו זאלסט האבן קינדער? פארוואס קומסטו מיט טענות צו מיר?...

הגם מיר האבן נישט קיין שום השגה אין די ווערטער פון די אבות הקדושים, און פילע פשטים ווערן געברענגט אין **ספרים הקדושים** צו ערקלערן די ווערטער פון יעקב אבינו. אבער בפשטות איז זייער שווער צו פארשטיין וואס דא קומט פאָר, ווי חז"ל זאגן שוין אין **מדרש** (בר"ר ע"א ז') אז השי"ת האט געהאט טענות אויף יעקב אבינו "כך עוֹנִים את הַמְעִיקוֹת?" אזוי ענטפערט מען פאר איינער וואס איז בצער? בפרט ווי מיר ווייסן דאָך אז יעקב אבינו האט ליב געהאט רחל, און פריער האט ער געוויינט צוליב דעם וואס ער קען איר נישט געבן קיין מתנות און אז ער גייט נישט קומען לקבורה צוזאמען מיט איר, און דא פלוצלינג ווערט ער אזוי ברוגז און ענטפערט איר אפ שארף? וויאזוי גייען די צוויי הנהגות צוזאמען און וואס קומט עס אונז לערנען?

### די צוויי טאשן פון 'אנכי עפר ואפר' און 'בשבילי נברא העולם'

אין **מדרש** שטייט אז יעקב אבינו ווען ער איז געווען אונטערוועגנס צו גיין צו לבן'ס הויז האט ער געזאגט שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי. אין **ספה"ק ישמח ישראל** ערלקערט ער דעם ענין באריכות לויט די ווערטער פון **הרה"ק רבי בונם פון פרשסיחא זי"ע**, אז א איד דארף שטענדיג האבן ביי זיך 'צוויי וועגן' אין עבודת השי"ת מיט וועלכע ער דארף זיך קענען פירן, (און ווי דער רבי רבי בונם זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אז מ'דארף האבן "צוויי קעשענעס", דאס הייסט אז אין יעדן טאַש זאל ליגן אן אנדערע מהלך, און מ'דארף וויסן ווען זיך צו באנוצן מיט וואס). צומאָל דארף דער מענטש קענען זאגן מיט ענוה און שפלות "אנכי עפר ואפר" און זיך האלטן קליין אז ער איז גארנישט ווערד. אבער אמאל איז דאס נישט קיין טובה, נאר מ'דארף זיך קענען שטארקן און זאגן מיט א פעסטקייט "בשבילי נברא העולם" די גאנצע וועלט איז נאר באשאפן געווארן צוליב מיר, איך בין גרויס און חשוב. ווען דער יצה"ר קומט

אראפצוקלאַפּן א איד און ער וויל איהם איינרעדן אז ער זאל זיך מייאש זיין ח"ו, דעמאלטס טויג נישט אויב דער מענטש וועט זיך האלטן קליין, נאר אין אזא פאַל דארף ער זיך קענען באנוצן מיט די אנדערע וועג פון טראכטן "בשבילי נברא העולם" אז נישט אומזיסט האט דער אייבישטער באשאפן זיין וועלט, נאר אלעס צוליב מיר אליין, און ער ווארט אויף מיין עבודה און תשובה.

דער ענין איז אויך מרומז אינעם משנה אין **מסכת אבות** (פרק ג' משנה א') עֲקַבְיָא בֶן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה, עס זענען דא דריי זאכן וואס א מענטש דארף זיך מתבונן זיין און דורכדעם וועט ער זיין אפגעהיטן פון זינדיגן, "דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן". און דערנאך איז עקביא בן מהללאל מער מרחיב אין די דריי זאכן, מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אז א איד דארף שטענדיג געדענקן אז דער גוף איז גארנישט, ער קומט פון א קליינע נישטיגע ברעקל און צום סוף וועט ער אויך ווערן צוריק גארנישט און ווערן פאוואנדלט אין שטויב און ווערים אינעם קבר, און ער גייט זיך איין טאג דארפן שטעלן פארן אייבישטער און אפגעבן דין וחשבון אויף אלע זיינע מעשים...

לכאורה זעהט דאס אויס ווי א דאפלטע לשון, ווייל ער האט דאך שוין אויסגעשמועסט די דריי שאלות מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, און דערנאך זאגט ער איבער יעדע שאלה באזונדער אינאיינעם מיט איר תשובה, וואס באמת וואלט ער דאס געקענט זאגן גלייך אין אנהייב "מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא".

ערקלערט דער **מדרש שמואל** אויפן פלאץ, און אזוי ווערט אויך געברענגט בשם דער **אריז"ל**, אז דא שטייען צוויי באזונדערע זאכן, און די ערשטע טייל פון די משנה דארף מען זינגען מיט גאנץ אן אנדערע ניגון... קודם זאגט עקביא בן מהללאל, ר' איד אויב ווילסטו נישט זינדיגן, דאן זיי זיך מתבונן אין די דריי גרויסע הייליגע זאכן, "דַּע מֵאַיִן בָּאתָ, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן" ווייס ווער דו ביסט און פון וואו דו שטאמסט, **דו ביסט א איד פון זרע אברהם יצחק ויעקב, א חלק אלוקי ממעל וואס איז איין שטיק קדושה און לעבטיגקייט, און צום סוף וועסטו זוכה זיין אנצוקומען צו עולם הבא** און זיך צו שטעלן פארן כסא הכבוד, און דער אייבישטער ערווארט דיין עבודה, עס איז הייליג און טייער ביי איהם, און ער וויל הערן פון דיר א גוטע דין וחשבון אויף דיינע מעשים! און דערפאר שטייט טאקע נישט אין די רֵישא פון די משנה די אלע זאכן וואס שרעקן אפ און צוקלאפן דעם מענטש.

און נאר נאכדעם קומט עקביא צו צום צווייטן טייל, אז ס'איז אויך דא אמאל וואס מ'דארף זיך האלטן קליין און צוברעכן דאס הארץ פארן אייבישטער, און דעמאלטס דארף מען טאקע טראכטן די אנדערע וועג, מֵאַיִן בָּאתָ מִטִּפָּה סְרוּחָה, וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה, און אזוי ווייטער.

זאגט דער ישמח ישראל, אז אויף דעם איז מרמז דער 'מֵאַיִן' יָבֹא עֶזְרִי וואס יעקב אבינו האט דא געזאגט, עס גייט ארויף אויפן דַע 'מֵאַיִן' בָּאתָ וואס קען פארטייטשט ווערן אויף צוויי קעגנזייטיגע אופנים, עס קען ערוועקן דעם מענטש צום "אנכי עפר ואפר" זיך צו האלטן קליין און וויסן אז ער קומט פון גארנישט, אבער פון די צווייטע זייט איז עס אויך מרמז אויף "בשבילי נברא העולם" ווען מען דערהערט און פארשטייט פון וואס פאר א גרויסע און לעבטיגע קדושה מען קומט.

(דער ישמח ישראל האט אן אריכות מפרש צו זיין ווייטער דעם לפי דרכו בקודש, מיר נעמען נאר ארויס די אויבנדערמאנטע נקודה וועלכע מיר וועלן בס"ד מרחיב זיין לפי דרכנו).

### די מידה פון יעקב אבינו ע"ה - מידת תפארת

לאמיר זיך אביסל פארטיפן אין אט דעם ענין, אין דער מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי וואס יעקב אבינו האט דערמאנט, און וואס האבן די צוויי כוחות פון 'אנכי עפר ואפר' און 'בשבילי נברא העולם' א שייכות מיט יעקב אבינו דוקא.

ווי מיר האבן שוין דערמאנט אינעם פאַריגן שיעור, לערנען אונז די אבות הקדושים מיט זייערע תפלות, אז אפילו ווען עס איז פארהאן די גרעסטע מאָס הסתר פנים און חשכות, דער מענטש זעהט נישט קיין שום ישועה און לעבטיגקייט פאר די אויגן, דאַך דארף ער קומען און זיך שטעלן פארן אייבישטער מיט התבטלות און תפלה.

אזוי הייבט זיך טאקע אָן אונזער פרשה מיט "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" וואו יעקב אבינו שטעלט זיך דאווענען און מתקן זיין תפלת ערבית, טראצדעם וואס ער געפונט זיך עלנד אליינס, אינמיטן אנטלויפן, נאכדעם וואס אליפז האט אלעס צוגענומען פון איהם, און ער גייט זיך לייגן דא שלאפן אינדרויסן מורא האבנדיג פון די חיות... אנשטאט זיין צובראכן אויף שברי שברים און האבן טענות, רבוש"ע פארוואס קומט מיר דאס? וואס האב איך געזינדיגט? וואס האט מיר געפעלט ביז יעצט ביי מיינע עלטערן אין שטוב? איך האב סך הכל געפאלגט מיין מאמע און דא באקום איך אזא עונש ח"ו?! אבער יעקב זאגט נישט דאס אלעס, נאר אנשטאט דעם שטעלט ער זיך דאווענען מיט א דביקות צום אייבישטער.

אונז קליינע מענטשן, טאקע ווייל עס פעלט אונז שלימות, מיר זענען ווייט פון גרויסקייט און העכערקייט, דעריבער ווילן מיר זעהן די ישועה תיכף מיט די אויגן. מיר לעבן אין די וועלט פון 'ונושעתי' - וואו מענטשן ווילן זעהן באלדיגע רעזולטאטן, און שפירן נישט אז דער אייבישטער העלפט זיי ווילאנג זאכן טוישן זיך נישט בפועל. ווען מיר טוען א גוטע זאך, ערווארטן מיר אז די שכר זאל קומען צו פליען תיכף ומיד, און אויב נישט איז מען נישט צופרידן... אבער יעקב אבינו איז געווען דער אִישׁ 'תָּם' פיל מיט גאנצקייט און שלימות, און ער גלייבט אין השי"ת און איז זיך בוטח אין איהם אפילו ווען זאכן זעען נישט אויס ווי עס דארף צו זיין.

ווי מיר ווייסן פון **ספרים הקדושים** אז יעקב אבינו איז די מידה פון 'תפארת'. אברהם איז מידת החסד, יצחק איז גבורה, און יעקב איז מידת תפארת וואס איז נישט קיין אייגענע מידה פאר זיך, נאר איז א צוזאמשטעל פון חסד און גבורה צוזאמען. דאס הייסט, אז יעקב אבינו ווייסט און גלייבט אז אפילו בשעת עס הערשט אויף איהם די מידת הדין ח"ו, אפילו ווען עס איז א מצב פון גבורה, דאַך קען אין די זעלבע רגע אויך זיין חסד! דער אייבישטער איז מיט איהם און פירט איהם אויף די גוטע וועג, כל מה דעביד רחמנא לטב עביד.

### יעקב ווייסט שטענדיג אז השי"ת איז מיט איהם

דער וואס איז נישט בשלימות, קען נישט ריכטיג לעבן די צוויי בחינות פון אנכי עפר ואפר און בשבילי נברא העולם צוזאמען. ווייל ווען ער איז אין א מצב פון 'בשבילי נברא העולם' און ער האלט אז ער איז גוט און חשוב, דאן ערווארט ער דאָך אז השי"ת זאל איהם געבן פון אלעם גוטן, ער שפירט ווי עס קומט זיך איהם השפעות טובות און שכר, און ער ווערט צובראכן און מלא טענות אויב זאכן גייען פארקערט ווי ער וויל ח"ו.

אבער יעקב אבינו, דער מידה פון תפארת, ער קען באמת לעבן אין די צוויי מצבים אינאיינעם. אין די זעלבע צייט פון 'בשבילי נברא העולם' קען ער זיין אין א מצב פון 'אנכי עפר ואפר' וויסענדיג אז עס קומט זיך איהם גארנישט, און אפילו ווען זאכן גייען נישט אזוי גלאט פארלירט ער נישט זיין אמונה און בטחון, וויבאלד השי"ת איז איהם גארנישט שולדיג און ער ווייסט אז ער איז כחומר ביד היוצר, דער אייבישטער וועט טוהן מיט איהם פונקט ווי מען דארף, אפילו אויב ער פארשטייט נישט און זעהט נישט די גוטס דערפון.

אזוי ווי מיר געפונען טאקע אז תיכף נאך די געוואלדיגע התגלות און חלום מיט'ן לייטער, וואו השי"ת האט איהם מבטיח געווען הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ, איך וועל געבן דאס פאר דיך און דיינע קינדער, וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ וגו' איך וועל דיר אפהיטן און קיינמאל נישט פארלאזן. קורצליך דערנאך מאכט יעקב אבינו א מציבה און זאגט דארט א נדר צו השי"ת, אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ, אויב דער אייבישטער וועט מיך טאקע אפהיטן און געבן ברויט צו עסן און קליידער אנצוטוהן, און איך וועל מיך אומקערן אהיים צו מיין טאטע'נס שטוב בשלום, וועל איך צוריק קומען אהער דא און דינען דעם אייבישטער אויף דעם פלאץ, "וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ" און אלעס וואס דו וועסט מיר געבן וועל איך אפשיידן מעשר דערפון.

דאס הייסט אפילו ווען ער האט געהערט א בפירוש'ע הבטחה פון השי"ת אז ער וועט איהם היטן און בענטשן, דאָך פארשטייט יעקב אז עס קומט זיך איהם גארנישט, און גארנישט איז פארזיכערט. ער דארף בעטן אויף אביסל ברויט און קליידונג, און האט נישט קיין טענות אז עס קומט זיך איהם מצד די הבטחה וואס השי"ת האט איהם צוגעזאגט. ווייל ער ווייסט אז אלעס איז 'גוט' אפילו ווען ער זעהט עס נישט מיט די פליישיגע אויגן, און אפילו אויב די השפעות קומען נישט תיכף ומיד איז ער נאך אלס געבענטשט פונעם אייבישטער, און דעריבער דארף ער בעטן אויף זיינע פשוט'ע געברויכן.

### ווייס און גלייב אז דער אייבישטער האט א פלאן

נאר כדי צו ברענגען א שטיקל לעבעדיגע דוגמא, א היינטיגע מעשה, איז כדאי צו ברענגען וואס א יונגערמאן האט מיר דערציילט, בדידיה הוי עובדא. דער יונגערמאן האט געהאט א איינפאכע שטעלע אין א געוויסע ביזנעס, און נישט פארדינט קיין סאך. אמאל האט ער זוכה געווען צו באקומען א ווארימע ברכה פון א גוטער איד וואס האט איהם געוואונטשן אז ער וועט זעהן א גרויסע הצלחה, און ער האט תולה געווען גרויס האפענונג אין די ברכה.

עס האט נישט געדויערט לאנג און ער האט באקומען א העכערונג אין פאזיציע, פשוט פון איין טאג אויפן צווייטן האט דער בעל הבית באשלאסן איהם צו שטעלן אויף א בעסערע דזשאב מיט א שענערע געהאלט. אין זיינע אויגן איז דאס געווען ממש ווי א אפענע תוצאה פון די ברכה פון א צדיק, זיין הצלחה איז געקומען אזוי שנעל און אומגעראכטן. זיין פרייד איז געווען אָן לשער, און ער האט געדאנקט און געלויבט דעם אייבישטער אויף די געוואלדיגע חסדים. אבער נאך א קורצע צייט האבן זיך די צרות אנגעהויבן... די נייע פאזיציע וואס ער האט באקומען איז געווען אונטער די אויפזיכט פון א געוויסער מענעדזשער אינעם קאמפעני וואס האט זיך נישט פארטראגן מיט איהם, דער מענעדזשער האט איהם געזוכט צו פארלויפן דעם וועג אויף טריט און שריט און איהם געשטעלט שטרויכלונגען וואס האבן געפירט צו זיין ענדגילטיגע רעזיגנאציע און פארלאזן די קאמפעני.

דער יונגערמאן דערציילט אז ער איז געווען ממש צובראכן אויף שברי שברים, עס האט איהם געדרוקט די גאנצע צייט, היתכן, וואו איז די ברכה וואס ער האט באקומען? דאס הייסט הצלחה? ער האט זיך שווער געקענט בארואיגן, בפרט אז ער האט זיך געדרייט א לענגערע צייט אָן קיין פרנסה. די סוף דבר איז אבער געווען אז צוליב דעם איז ער אריינגעגאנגען ארבעטן ערגעץ אנדערש, און דארט האט ער תיכף באקומען א גאר גוטע פאזיציע מיט א געהאלט פון וואס ער האט אפילו נישט געקענט חלומ'ען פריער.

נאכן זעהן די גאנצע בילד האט זיך ארויסגעשטעלט אז די ברכה האט גאר גוט געארבעט, דאס וואס מ'האט איהם געטוישט פאזיציעס אין זיין ערשטע ארבעטס פלאץ דאס איז בלויז געווען די הכנה וואס האט גורם געווען אז ער זאל אינגאנצן ארויסגיין און אנקומען צו וואו ער איז אנגעקומען.

**היוצא לנו, אפילו אין אזעלכע מצבים וואס מיר מיינען אז ס'איז דאס ערגסטע פאר אונז, אפילו ווען ס'איז כָּלוּ כל הקיצין, מ'זעהט נישט דעם וועג ארויס, אבער דער אייבישטער'ס הענט זענען נישט קליין, ער האט א פלאן און א מהלך, און ער פירט אונז אויפן פונקטליכן וועג וואס איז גוט פאר אונז, אפילו אויב מיר פארשטייען עס נישט. און דאס איז נוגע נישט נאר לגבי פרנסה, נאר לגבי יעדע פרט אין לעבן, א איד דארף כסדר חַזר'ען און געדענקן אז ער איז ביד ה' און דער אייבישטער פארלאזט איהם נישט, אפילו ווען ס'דאַכט זיך איהם אז זאכן זענען נישט גוט.**

### די דערהויבענע געוויין פון יעקב אבינו

צוריק צו יעקב אבינו מיט רחל. ווען יעקב אבינו קומט אָן קיין חרן ביי די ברונעם מיט די פאסטוכער, פון איין זייט זעהט ער דארט געוואלדיגע חסדים. דער אייבישטער איז איהם מזמין זיין זיווג פון הימל, רחל קומט צו גיין צו איהם, ווי אויך האט ער סייעתא דשמיא אז ער קען אראפנעמען דעם שטיין גרינגערהייט, ווי רש"י ברענגט די דרשת חז"ל אז ער האט אראפגענומען דעם שטיין אזוי גרינג ווי איינער נעמט אראפ א שטאָפּער פון א פלאש.

אבער אין די זעלבע צייט זעהט ער מיט רוח הקודש אז רחל וועט נישט באַגראבן ווערן צוזאמען מיט איהם אין מערת המכפילה, ער איז משיג אז עס ערווארט איהם נישט קיין גרינגע לעבן, פילע שוועריגקייטן און צרות וועלן אריבערגיין אויף זיי ביז צום סוף וועט רחל אמנו ווערן באַערדיגט אונטערוועגנס אין בית לחם.

ווי אויך איז ער זיך מתבונן אין זיין מצב און זעהט אז ער איז געקומען צו גיין מיט ליידיגע הענט, בעירום ובחוסר כל, ער האט אפילו נישט מיט וואס מקדש צו זיין

רחל. ווי עס שטעלט זיך ארויס ווייטער אז ער האט טאקע געדארפט ארבעטן ביטער שווער לאנגע יארן פאר לבן כדי צו פארדינען זיינע ווייבער.

דא איז די ערשטע מאל וואס עס שטעלט זיך ארויס מיט די גאנצע שטארקייט א מצב פון מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, עס הערשן די צוויי כוחות פון 'אנכי עפר ואפר' און 'בשבילי נברא העולם' אויף איינמאל. מצד אחד איז ער געבענטשט מיט רחל, און פון די צווייטע זייט זעהט ער וויפיל עס פעלט איהם, דער 'אנכי עפר ואפר' שרייט ארויס פון זיין מצב.

דאס קען זיין דער "וַיִּשָּׂא אֶת קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ", יעקב אבינו הייבט אויף זיין שטימע און וויינט. דאס איז נישט קיין געוויין פון צובראכנקייט אדער פארלוירנקייט, ווייל עס פּאַסט בכלל נישט צו וויינען יעצט אויף די קבורה אדער אויף נישט האבן געלט ווי מיר האבן פריער דערמאנט. **עס איז א געוויין פון דערהויבנקייט! עס איז א געוויין פון די נשמה און מהות פון יעקב אבינו, די מידה פון תפארת, וואס לעבט יעצט מיט ווי השי"ת איז מיט איהם און העלפט איהם, וְעִם כל זה גייט נישט אלעס אזוי גלאט און געשמירט, און עס איז נישט קיין סתירה! יעקב אבינו ווייסט און גלייבט אז עס קען זיין "וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ...כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ", טראצדעם וואס אין די זעלבע צייט האט מען נישט קיין איין פרוטה אין קעשענע, און מען גייט באלד אריבערגיין א לעבן פיל מיט נסיונות און שוועריגקייטן ביי לבן אינדערהיים.** ער וויינט א הייליגע געוויין וויסענדיג אז ער איז אין די הענט פונעם אייבישטער, און וויאזוי השי"ת פירט זיך מיט איהם איז אלעס לטובה.

### מיר טארן נישט 'איינטיילן' פארן באשעפער

דערמיט קענען מיר דערהערן א שטארקע פשט אינעם וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל, פארוואס יעקב אבינו ווערט ברוגז ווען זי זאגט איהם "הָבָה לִּי בָנִים וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי". רחל איז געווען צובראכן פון דעם אז זי האט נישט קיין קינדער, און זי קומט ווי מיט טענות אז זי מוז געהאלפן ווערן ווייל אויב נישט איז עק וועלט, איר לעבן איז נישט קיין לעבן, זי גייט שטארבן, אדער זי שפירט שוין ווי א געשטארבענע מענטש. יעקב אבינו איז אבער נישט מסכים דערצו. יעקב אבינו זאגט איר, יא מען מעג בעטן און מתפלל זיין, מען מעג פארלאנגען פון השי"ת קינדער, אבער קומען מיט א טענה פון "וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי" דאס שוין נישט! א איד דארף וויסן און גלייבן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז לטובה, און באמת באקומט ער חסדים אפילו ווען ער מיינט אז עס איז חושך ואפילה!

אויף די ווערטער "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל" טייטשט דער **אור החיים הקדוש:** ולזה דקדק לומר "ברחל" פירוש בשבילה, יעקב אבינו איז געווארן ברוגז 'צוליב' רחל, צוליב אירע ווערטער און דאס וואס זי האט געזאגט (עיין שם בפירושו). לענינינו קען מען זאגן, יעקב אבינו איז נישט ברוגז אויף רחל אמנו, ער איז ברוגז אויף די דיבורים וואס זי האט געזאגט. א איד טאר נישט קומען צום רבוש"ע מיט טענות אז אויב זאכן גייען נישט ווי ער וויל, אויב ווערט ער נישט געהאלפן תיכף ומיד, דאן גייט ער שטארבן... ווייל יעקב אבינו ווייסט און גלייבט באמונה שלימה אז אפילו ווען די צרות זענען גרויס און אלעס איז טונקל און שווארץ, איז השי"ת מיט'ן מענטש און העלפט איהם און טוט זיין טובה.

### וואס מיר מוזן זיך אפלערנען פון יעקב אבינו

חכמינו ז"ל זאגן "מעשה אבות סימן לבנים", יעקב אבינו לערנט אונז דעם לימוד לדורות, און האט פאר אונז אויסגעטרויטן דעם וועג. מיר אידישע קינדער אין אלע דורות און אלע זמנים דארפן אפלערנען דעם לימוד צו וויסן און גלייבן אז דער אייבישטער איז מיט אונז אין יעדן מצב. - ווען דער מענטש גייט אדורך שוועריגקייטן און ער שפירט ח"ו פרעמד און דערווייטערט, דארף ער וויסן אז דאס איז נישט דער אמת. יעקב אבינו לערנט אונז אז מיט אלע נסיונות און שוועריגקייטן איז דער אייבישטער נאך אלס מיט איהם און היט זיין צוזאג פון וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ.

יעקב אבינו האט באמת מיטגעמאכט אלע סארטן צרות אין לעבן: ער דארף אנטלויפן פון עשו, לבן פּאָפּט איהם אויס מיט זיינע ווייבער, ער ארבעט שווער, לבן בא'גנב'עט איהם אויף טריט און שריט, רחל האט נישט קיין קינדער, ער מוז אנטלויפן פון לבן, שפעטער ווערט רחל נפטר יונגערהייט, ער מוז זיך באגעגענען מיט עשו, מכירת יוסף, און אזוי ווייטער. אבער יעקב רעדט זיך נישט אפ, מיר געפונען נישט אין ערגעץ אז יעקב אבינו זאל זיך חלילה אויסדריקן מיט סיי וועלכע טענה אדער תביעה צום אייבישטער "וואו איז די צוזאג? וואו זענען די הייליגע הבטחות און ברכות?"

ווייל יעקב אבינו מיט זיין מידת התפארת ווייסט אז אין די זעלבע צייט איז דאס אלעס די גרעסטע חסדים פון השי"ת, אפילו ווען מען זעהט נישט און מען פארשטייט נישט. ער גלייבט אז השי"ת איז טאקע מיט איהם און היט איהם אפ פון אלעם בייזן, אפילו ער שפירט עס נישט אזוי. דאס איז דער כוח פון יעקב אבינו צו לעבן 'אנכי עפר ואפר' מיט די גרעסטע מאָס שפלות און שוועריגקייטן, אבער וויסן און געדענקן אויך דעמאלטס אז עס איז 'בשבילי נברא העולם' און השי"ת האט נישט פארגעסן פון איהם.

כלל ישראל ווערט אנגערופן אויפן נאמען פון יעקב אבינו (תהילים קל"ה ד') כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָ-הּ יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ, מיר האבן אין זיך די כוח און סגולה פון יעקב אבינו, זיך צו שטארקן אין אלע מצבים און געדענקן אז דער אייבישטער איז מיט אונז אפילו ווען מיר זעען נישט די ישועה מיט די אויגן תיכף אויפן פלאץ, כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזֹב, דער אייבישטער פארלאזט אונז קיינמאל נישט.

לסיכום געדענקן:

- יעקב אבינו, מידת תפארת, ווייסט און גלייבט אז עס קען זיין "וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ...כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ", אפילו ווען אין די זעלבע צייט האט מען א לעבן פיל מיט נסיונות און שוועריגקייטן.
- מען מעג מתפלל זיין און בעטן, אבער מען טאר נישט 'איינטיילן' און קומען צום רבוש"ע מיט טענות אז אויב זאכן גייען נישט ווי מ'וויל, אויב ווערט מען נישט געהאלפן תיכף ומיד, דאן גייט מען שטארבן.
- מיר האבן די כוח בירושה זיך מחזק צו זיין אין יעדע מצב, אפילו ווען מ'זעהט נישט קיין ישועה, צו וויסן און געדענקן אז השי"ת איז מיט אונז און אלעס וואס ער טוט איז לטובה מיט א פונקטליכע פלאן.

## א לעבטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל

בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com